דער אלגעמ. איד. ארב.־בונד אין ליטא, פוילען און רוסלאנד.

פראלעטאריער אלער לענדער, פעראייניגט אייך!

# Freiheit

## Revolutionäre Lieder

# פרייהייט

## רעוואלוציאנערע ליעדער און שירים

צווייטע פערגרעסערטע און איבערגעארבייטע אייפלאגע.

אייסגאבע פון בונד.

דרוקעריי פון בונד:

…erie Israélite, 80, rue de Carouge. Genève (Suisse)

1905

דער אלגעמיינער
אידישער ארבייטערבונד
אין ליטא, פוילען און רוסלאנד.

פראָלעטאַריער אַלער לענדער,
פֿעראייניגט אייך!

---

# FREIHEIT

## Revolutionäre Lieder

# פרייהייט.

## -- רעוואלוציאנערע ליעדער און שירים --

צווייטע פערגרעסערטע און איבערגעאַרבייטע אויפלאגע.

אויסגאַבע פֿון בונד.

דרוקעריי פון בונד:
Imprimerie israelite, Rue de Carouge 81, Genève, Suisse
זשענעוו, דעצעמבער 1905.

# א. ליעסין.



# צום קעמפפער.

עס ליארעמט און שטורעמט, עס יאמערט און שרייט
עס שפארט זיך דער שונא פון יעטווידער זייט,
און ס׳פלאקערט דער בלוטיגער גרויזאמער שטרייט
ארום אין דער לייג און דער בריים.

און ס׳דריקט אונגעהויער די אומרעכט און שלעכטס,
און ס׳טראגט זיך אין לופטען א׳ן ענדלאזער קרעכץ,
און ס׳קלייבען זיך קרעפטען פון לינקס און פון רעכטס —
געשווינד, אך, מיין פריינד, זיי געגרייט!

דו גיב מיר דיין טרייע דיין מעכטיגע האנד,
און פעסט אין די רייהען געשלאסען ביינאנד
מיר וועלען זיך שטעלען, אזוי ווי א וואנד,
און קעמפפען אויף לעבען און טויט!

* *
*

און טאמער, מיין פריינד, וועסטו גליקליך ארויס
פון בייזען, פון העלישען שטרייט,
דאן בין איך דיר ווייניג מקנא — איך ווייס:
עס וועט ניט פערביינגען פיעל צייט,

און ווידער צום שטרייט וועט זיך רייסען דיין הערץ
און שטאלץ דיינע פפליכטע דיר צייגען;
אך, לעבען אין אנגסטען אזעלכע און שמערץ —
נור שטיינער, די קענען דא שווייגען!

* * *

און באמער, מיין פריינד, וועסטו פאלען, און ס׳וועט
די ערד מיט דיין בלוט זיך בעפלעקען,
דאן וועלען די בלומען איהר אנטרינקען פעט
און הערליך מיט בלומען פערדעקען,

עס וועלען דארט בליהען די הערליכסטע בלומען
און גוטע און עהרליכע מענשען,
זיי וועלען דערהערען דעם ריח, און קומען,
און לויבען דיין נאמען און בענשען.

## אהין, אהין...

אהין ערהויבט זיך הייס מיין זעלע,
אהין אין יענע שעהנע לאנד,
וואו ריין און מעכטיג שלאגט די קוועלע
פון ליכטער וואהרהייט און פערשטאנד;

וואו העל אונד מונטער געהט דאס לעבען,
און פריי און שטרעבענד איבעראל,
און שטאלץ די הויכע גייסטער שוועבען,
אנטקעגען שיין פון אידעאל;

וואו אימער פריהלינג בליהט די יוגענד,
און אימער מארגען שטעהט די צייט,
ערפיעלט מיט העלדענמוטה און טוגענד,
ערפיעלט מיט ליעבע און מיט שטרייט;

וואו טיעף און הייליג איז דאס פיהלען,
און גליקליך איז זאגאר דער שמערץ,
און ס׳וייס פון גרענצען ניט דער ווילען,
און ס׳וייס פון אומעט ניט דאס הערץ...

## א פריהמארגען אין ניו־יארק.

אויף דעם וויסטען בלאַסען הימעל
כאַפּט זיך אויף דער קראַנקער מאָרגען,
און די גרויסע שטאָדט ערוואַכט זיך
אין דעם נעבעל גרוי פֿערבאָרגען.

אײַנגעהילט אין גרויען נעבעל
ריהרט זיך אויף דער לעבענס־תהום
און צוגיסט זיך אין די גאַסען
אין א במורנעם מענשען־שטראָם.

במורנע גיסט און ניסט מיט מענשען,
פֿוילע, געלע, ווי דער מאָרגען,
פֿון די טענ'מענטס * צו די שעפּער **
אין דעם נעבעל גרוי פֿערבאָרגען,

גלייך אַזוי, וואַהרשיינליך, געהען
אויך די מתים, פֿוילע, געלע,
נאָך דעם חבוט פֿון דעם קבר,
הײלענדיג זיך צו די העלע.

## די שאפּ־מיידעל.

אָך, קאַלט, און בלאַס און וויסט
מיין יונגענד געהט אַוועק—
אָהן שטערען מיר די נעכט,
אָהן זונען מיר די טעג.

אָך, ווי א פֿייגעלע,
פֿערוואָרפֿען פֿון איהר נעסט,
פֿערלאָרען אין דער פֿרעמד,
פֿערשפּאַרט אין שטײגעל פֿעסט.

* טענעמענט — הויז.
** שאָפּ — האַנדווערקעריי.

אָך, ווי אַ בלעטעלע,
ענטריסען פֿון איהר בוים,
פֿון בייזען אָסיען ווינד,
פֿערוואָגעלט פֿון דער היים;

אָהן פֿריעהליכקייט און גליק,
אָהן וואַרימקייט און ליכט,
אָהן קיין שום נאָהנטען
און צערטליכען געזיכט.

אָך, עלענד, קאַלט און וויסט,
דאָס לעבען שלעפּט זיך פֿייל,
אָהן ליעבע און אָהן לוסט,
פֿול אומעט און פֿול גרויל,

דורך מאַטערניס און שוויים,
דורך צרות און דורך פּיין,
און ביז אין גראָהען צאָפּ
און ביז אין גרוב אַריין.

## אויף׳ן וויטען צפֿון.

אין לאַנד, וואו ס׳קייקעלט די לענאַ
איהר מעכטיגען וואַסער, דעם קאַלטען
דאָרט שטעהט זיך אַ קליינינקע יורטאַ
אין אייביגע שנייען בעהאַלטען.

זי שטעהט דאָרט אַ שפּיעל פֿאַר׳ן שטורם,
פֿערוואָרפֿען אין מיטען דעם פֿעלד;
דאָרט שמאַכטעט אין שרעקליכען עלענד
אויף׳ן שטערבענדען בעטעל דער העלד.

עס ציהט זיך אָהן ענדע דער ווינטער
אין ווילדער, אין העלישער מאַכט;

עס ציהט זיך אָהן ענדע דער חשך,
די שוואַרצע, די אייביגע נאַכט.

עס ציהט זיך די לאַנגע אַגאָניע,
דער קאַמפּף מיט דער שווינדזוכט אָהן סוף,
און ס'מאַטערט דעם בלאַסען מאַרטירער
אַ שווערער, אונרוהיגער שלאָף.

און ס'חלום'ט זיך איהם פֿון אַ פריהלינג,
וואו בלוי איז דער הימעל־געצעלט;
דאָרט איצט אין זיין היימאַט, די ווייטע,
דאָרט שיינט זיך די זונן אויף דער וועלט.

דאָרט שיינט זיך די זונן און זי וואַרעמט,
די ערד אַ'ן ערפֿרישטע ערוואַכט,
און ס'בליהען די ביימער, די בלומען
אין פֿולער, אין הערליכער פּראַכט.

און ס'שיטען די מענשען אין דרויסען,
און ס'אָטהעמט ערקוויקענד די ברוסט,
און ס'פֿייערט דאָס לעבען זיין יום טוב,
דעם יום־טוב פֿון ליעבע און לוסט.

נור איינע... זי זיצט דאָרט פֿון ווייטען,
פֿערזונקען אין בענקשאַפֿט און שמערץ,
און ס'נעהמט ניט אַ טהייל אין דער שמחה
איהר יונגע צובראָכענע הערץ.

זי זיצט און זי טראַכט פֿון דער לענאַ
פֿון דונקעלען צפֿון דעם קאַלטען;
דאָרט שטעהט זיך אַ קליינינקע יורטע
אין אייביגע שנייען בעהאַלטען.

זי שטעהט דאָרט אַ שפּיעל פֿאַר'ן שטורם,
פֿערוואָרפֿען אין מיטען דעם פֿעלד;
דאָרט שמאַכטעט אין שרעקליכען עלענד
איה'ן שטערבענדען בעטעל דער העלד.

# מארטירער־בלוט.

און ווען ער האָט די וועלט בעקלערט,
ווי פֿאַליש זי איז און שלעכט,
ווי אַלעס איז קאַפּויר פֿערקעהרט
און פֿינסטער און פֿערקנעכט,—
און ווען ער האָט די וועלט בעקלערט,
דאַן האָט עס אונגעזאַמט
זיין רוה געטריבט, זיין פֿריעד געשטערט,
זיין יוגענד איהם פֿער'סם'ט,
און ס'האָט געדריקט איהם לאַנג און שווער,
און ס'האָט פֿון איהם א מאָל
אַרויסגעריסען היים אַ טרעהר,
א ריינע, ווי קריסטאָל.

—

און ווען ער האָט די שלעכטס דערקענט
איהר הערשאַפֿט אָהן אַ שיעור,
דאַן האָט איהם צאָרניג אויפֿגעברענט,
דאַן שטרייט ער געגען איהר.
ער שטרייט מיט גייסט און העלדענמוטה,
דורך ליידען און דורך שמערץ,
און ביז דעם לעצטען טראָפּען בלוט,
און ביז דעם לעצטען קרעכץ.
עס הילכט דער קרעכץ, עס פֿאַלט דער העלד,
געענדיגט איז דער שטרייט,
און עלענד גיסט זיין בלוט אין פֿעלד,
פֿערוואַלגערט, אָן א זייט.

—

אָך עלענד גיסט זיין בלוט און גיסט,
און וויינט דעם ווינטען זאַמד:
זיין שווערד דאַביי ער בריצט אומזיסט
געוואָרפֿען אויס דער האַנד.
און ס'לאָזען זיך די הינד אַרויף,
מיט אימפּעט און מיט וואוטה,
אויף דעם מאַרטירערס טויטען גוף,
אויף דעם מאַרטירערס בלוט,
און ס'טראָגט פֿאַנאַנדער ברייט און גרייס

דער בילען, דער געשריי,
משונה ווילד, משונה בייז
און שוידערליך אזוי.
עס הערט דאס גאנצע לאנד ארום,
און ס'געהט איהר דורך א גרויל,
און בלייבט דערשראקען, דול און שטום,
פערשטיקט אין דר'ערד דעם מויל.

—

און סדריקט ווי פריהער שווער דער יאך,
און ס'מאטערט זיך און קוועלט,
און ענגער נאך און ערגער נאך
דאס לעבען אויף דער וועלט.
און ס'געהט אוועק א לאנגע צייט,
און מיסט פערשיט דעם פעלד,
וואו ס'האט געפלאקערט הייס דער שטרייט,
געפאלען איז דער העלד.
און ס'געהט אוועק א לאנגע צייט,
און ראסט עסט אויף דעם שווערד;
און ס'דוכט זיך, עס בלייבט ניט מעהר פון שטרייט
א זכר אויף דער וועלט.

° °
°

נור ניין, אך, עס קען ניט, עס געהט ניט פערלארען
דער הייליגער טראפען מארטירערשע בלוט,
וואס איז אזוי נאבעל געאפפערט געווארען
פאר וואהרהייט און רעכט, אין די בליהענדע יאהרען,
מיט ליעבע און פייער און העלדישען מוטה.
ער געהט ניט פערפאלען, ער געהט ניט פערלארען,
עס האט איהם די גאנצע נאטור ווי געשווארען,
דער זומער, דער רעגען, דער ווינד און דער שטראהל,
די ואלען און אלערליי צייטען איהם היטען,
איהם זאל ניט פערטריקענען, פערשווענקען, פערשיטען,
איהם זאל ניט פערשלינגען די ערד איבעראל.

—

עס בייט נאכאנאנד די נאטור זיך און בייט,
עס שטארבט און פערשווינדט אלין פון לינקס און פון רעכטס:
ער איינער נור לעבט אלין, און שוואך איז די צייט,
און שוואך איז אויף איהם אויך די בייזהייט און שלעכטס

און ליעבליך און גלענצענד, און פערעלדיג ריין
און הייס, ווי די ברענענדע יוגענד אליין,
און פריש, ווי די ערשטע אומשולדיגע טרעהר,
דורך רעגען און שטורם, דורך חרפות און גזרות,
דורך קיימען מיט צרות, דורך צילען מיט דורות,
ער שלינגערט און ציהט זיך און ציהט ביז אהער.

* *
*

עס הערשט א מיעפע נאכט ארום.
עס ליכט נור גאז און גאלד:
ווי לייכטען פאלש, ווי לייכטען דום:
ווי לייכטען פאר געצאהלט.

—

עס ליעגט דער טראפען אויף דער ערד,
און שאטען איבעראל,
עס ווייס איהם קיינער ניט די ווערטה,
עס פאלט אויף איהם קיין שטראהל.

—

דאך, זוען די זונן וועט אויפגעהן העל
אריבער אונזער לאנד,
דאן ווערט פון דיזען טראפען שנעל
א ליכטיגער ברילאנט.

—

וואו שעהן, אלפארבינ, צויבערהאפט
דער רעגען-בויגען בליצט,
און ס'ווערט מיט זאנען-שטראהלען-קראפט
ארום די וועלט בעשפריצט.

—

און מענשען וועלען רענסטמאל געהן
זיך ווארמען פאר זיין ליכט,
וואס איז פון בלוטען לויטער ריין
און הייליג צוגעריכט.

—

און מענשען וועלען דענסטמאהל געהן,
און טראגען איהם א לייב,
און קניהענדיג פאר איהם דארט שטעהן
און קוסען זיינע שטויב.

# צום נייעם יאהר.

I

איבּ די נאַכט איז אַרום
אַזוי פֿינסטער און שטום,
אַזוי ווילד, אַזוי נאַס, אַזוי קאַלט,
און די פֿרעהליכע וועלט,
אין דעם וואָלקען פֿערשטעלט,
קוקט אַרויס אַזוי מיאוס און אַלט,
און עס פֿיהלען די בלאַטיגע הימלען פֿון איבען,
און עס פֿיהלט אויך פֿון אונטען דאָס לעבען;
אין עס שטיקט זיך דער מענש און ער קען מעהר ניט גלויבען
און ער קען מעהר ניט האָפֿען און שטרעבען,
און עס דוכט זיך די טונקעלע, די פֿינסטערע נאַכט,
אַז זי וועט גאָר ניט נעהמען אַ סוף,
און די ערד וועט שוין קיין מאָל ניט ווערען ערוואַכט
פֿון איהר האַרטען, איהר אייזערנעם שלאָף,
און עס האָט ניט אַ מאָרגען דער ביטערער היינט, —
אַך, ניט גלויב עס, ניט גלויב עס, מיין פֿריינד!

II

און עס הערשט איבעראַל אַלץ די בייזהייט און וואָיטה:
און עס טרינקט זיך די מענשהייט אין שוייס און אין בלוט:
אַך, מיין פֿריינד, ניט פֿערליער נור דיין מוטה!
אַך, מיין פֿריינד, וואו דו ביזט נור פֿערשלעפּט און פֿערטריבען!
אין מלחמה פֿאַר פֿרייהייט און רעכט אויף דער וועלט,
צו דו ביסט נאָך אַ גאַנצער אין ריינע פֿערבליבען,
יעדע ווילע דיין קאָפּ צום געפֿאַהר איינגעשטעלט,
און דו קעמפּפֿסט און דו קעמפּפֿסט אין יסורים און פּלאָג,
מיט אַ ברענענדען וואָרט, מיט אַ פֿלאַמענדען שווערד,
אָדער ליגסטו פֿערשליידערט אין פֿיילען אָסטראָג,
און דו שטיקסט זיך אין שטיקסט זיך אָהן אייפֿהער, אָהן שיעור,
אָדער קלאַפּסט מיט דעם האַמער פֿערגראָבען אין דר׳ערד,
אין די קאַטאָרזשנע טיעפֿניס פֿון קאַלטען סיביר,
און עס סוישצעט דער ווילדער, טיראַנישער קניט

איבער דיין נאָכאַנאַנד איפֿגעטריבן —
אך, מיין פֿריינד. וואו דו ביסט, ניט פֿערליער נאָר דיין מיטה
דיין אינגעדריבן, מעכטיגען גלויבן:

III

עס וועט קומען א צייט. און די צייט איז ניט ווייט,
און פֿון מערב, פֿון מזרח, פֿון יעטוועדער זייט,
אַריבער דער עלענדער וועלט,
וועט ערהויבען זיך מעכטיג א ווארעמער ווינד,
און עס וועלען די במאַרעס פֿערשווינדען געשווינד
פֿון בלייערנעם הימעל־געצעלט.
און עס וועט אויפֿשטעהן דער טאָג, יענער ועלטענער טאָג,
אך, צו וועלכען מיר האָבען אין צרות אין פּלאָג
געוועגדט זיך אין היילינען גרייבען.
און ס'וועט אויפֿשטעהן דער טאָג, און די זון וועט אַרויס
דורך אין גלאַנץ און אין שטראַהלען, און פֿריילך און הייס,
שטאַלצירענד און פּראַכטפֿאַל פֿון אויבען.
און עס ווערען די אייזערנע קייטען צולאָזען
אַנטגעגען דעם ברענענדען שיין,
און עס ווערען די רשעות ווי במאַרעס צובלאָזען
אין תהום פֿון געשיכטע אַריין.
און דער מענשליכער זוהן וועט אַרויסגיין בעפֿרייט
פֿון ביטערען מאַנגעל און פֿינסטערען שטרייט,
און דערפֿיהלען אין זיסטען, פֿערפֿיינגטען בריסט
גאַנצע אוצרות מיט לעבען און ליעבע און לוסט,
און ער וועט ניט דערקענען זיין פֿריהער'דיגע וועלט,
וואו ער האט זיך אזוי פֿיעל געשטיקט און געקוועלט.
און ערוואַרעמט, ערמונטערט, ענטציקט און בעהאַרצט
וועט ער צופֿאַלען היים צו דער מוטער, דער ערד,
וועלכע וועט איהם שוין ווייטער ניט אויסווייזען בייז,
וועלכע וועט שוין ניט ווערען פֿערשמוצט און פֿערשוואַרצט
מיט די שטראָמען פֿון טרערען און בלוטען און שווייס,
און אויף וועלכע עס וועט שוין ניט קלינגען דער שווערד,

IV

עס וועט קומען די צייט, יענע גאָלדענע צייט,
אך, דו גלויב זשע, מיין פֿריינד, אז זי איז שוין ניט ווייט,
און די אלע וואס האָבען געהאָפֿט און געשמאַכט.

און די אַלע וואָס האָבן געייעקט און געיאַכט,
און די אַלע וואָס האָבן אין שרעקלעכער נאַכט
ניט געלאָזען דעם לייכטענדען פּאַקעל פֿון האַנד,
און געליטען, געשטריטען, געשיינט נאָכאַנאַנד,
ווילען פֿייערן צוזאַמען דעם יום טוב, דעם גרייסען,
יענעם יום טוב פֿון אַלע געפּייניגטע מאַסען
און געפּייניגטע פֿעלקער, געפּייניגטע ראַסען,
וואו עס וועט שוין קיין איינער ניט ווערען פֿערשטויסען,
און איין ווילבען דער מענש וועט ניט טהיילען זיך מעהר
איף געדריקטע און דריקער, איף קנעכט און איף העררי.

# דער קבר

די נאַכט געהט אַרונטער פֿעראומערט און קראַנק,
די בלאַסע לבנה, זי קוקט אַזוי באַנק,

זי קוקט פֿון איהר טרעהרענדען הימעל־געצעלט,
דורך'ן קרעכצענדען הערבסט, איף די עלענדע וועלט, —

איף'ן ווייטען בית עלמין, דורך וואָלקענס און ווינד;
דאָרט גראָבט מען אַ'ן אָרימען קבר געשווינד.

עס שטעהט דאָרט אַ קליינע לויה אַרום
און אַרבייט מיט פֿלייס אַזוי ערנסט און שטום.

און פֿאַרטיג... אין לופֿטען פֿערהילכט אַ געוויין
עס יאָמערט דער עולם פֿון גרויס ביז קליין.

מען לייגט אין'ם קבר דעם טויטען אַריין,
עס פֿאַלט איף איהם שוואַך פֿון לאַנטערנע דער שיין.

און ס'גרילצען די יידלעך, דאָס ווערדעל, עס קלאַפּט:
די ווייטע לויה, זי איילט זיך און באַפּט.

איין ווילע, אָט וואַקסט שוין אַ בערגעל אַרויס, —
געענדיגט די אַרבייט, מען ווישט זיך דעם שווייס.

געענדיגט די אַרבייט, דער עולם צופֿאָהרט,
און שטיל ווערט און פּוסט אויף דעם אייביגען אָרט.

די מענשען פֿערשווינדען מיט זייער געוויין,
דער קבר, דער פֿרישער, ער בלייבט דאָ אַליין.

ער בלייבט און ער קוקט אַזוי שטיל אין דער נאַכט,
פֿערשלייערט אין חושך, אַזוי ווי פֿערטראַכט.

און ס'דוכט זיך, עס שוועבט דאָ און טראָגט זיך פֿערביי —
אַ לעבען אַ גאַנצער, לעבט אויף דאָס ניי;

אַ לעבען אַ וויסטער, פֿערוואָגעלט און ביין,
פֿערטרעהרט און פֿערבלוטיגט, פֿערטרונקען אין שוייס:

אַ לעבען פֿול אַנגסטען, אַ לעבען פֿול פּיין,
און דורך פֿון דער וויעג ביז אין קבר אַריין;

און עלענד און איינזאַם, אַזוי ווי אַ שטיין,
וואָס ליעגט ביי דעם קבר, אַלס סימן, אַליין;

און קאַלט ווי די גרוב; און פֿערצאָרענט, פֿערשמאַכט,
אַזוי ווי דער הימעל אין אָסיען ביי נאַכט.

און ס'געהען די טעג און עס קומט אויף דער וועלט
דער ווינטער, דער שווערער, מיט שנייען און קעלט.

עס פֿיהרט אין בית מדרש די אלמנה אַליין,
אין מאָרגענס און אבענדס, איהר יתום'ל קליין.

דאָס קריינקליבע קול'כעל, עס קלינגט ווי אַ קרעכץ,
דער קינדערשער קדיש, ער לעבערט דאָס הערץ;

דאַן טראָגט זיך דער ווינד אויף'ן בית עולם, און יאָגט
און הודושעט מיט קולות, מיט ווילדע, און קלאָגט:

דאַן שטעהט איבערן קבר אַ ענדלאָזער קרעכץ,
עס קרעכצען די בוימער פֿון לינקס און פֿון רעכטס!

עס קרעכצט דאָרט אָהן אויפֿהער, עס יאָמערט אָהן סוף,
דער טויטער ער שלאָפֿט זיך זיין אייביגען שלאָף.

און ס'געהען די טעג, און עס קומט אויף דער וועלט
דער פֿריהלינג פֿון שטראַהלענדען הימעל געצעלט:

דאַן פֿריילך לעבט אויף די נאַטור און ערוואַכט,
דאַן בליהען די בוימער אין הערליכער פּראַכט;

דאָן גײען תּענית׳ים און טרױעריגע טעג;
דאָן גײט די אלמנה אױף׳ן קבר אַװעק:

דאָן טראָגט זיך אַ שרעקליכע יללה און לופֿט
עס רײסט פֿון׳ם קבר צום הימעל און רופֿט.

עס שפּאַלטען די גװאַלטען און הימעל אַרײן:
דער הימעל ער קוקט אַזױ רוהיג און פֿײן....

## פֿון גאַס.

דער פֿאָטער איז אַלט און פֿער׳שטורט,
די מוטער איז קרענקליך און בײז,
די טאָכטער איז יונג נאָך און אַרבײט,
און אַרבײט און שװיצט זי דורכאױס.

און לאַנגװײליג ציהט זיך איהר לעבען,
דורך מאַטערניס, אַנגסטען און פּײן,
אַלײן צװישען דעם שאַפּ און דעם טעג׳מענט —
אָהן פֿרײדען, אָהן ליפּט און אָהן שײן.

עס מאַכט אַלײן סקאַנדאַלען דער פֿאָטער:
די מוטער, זי שילט אַלײן און הוסט;
די טאָכטער, זי פֿיהלט זיך און שטײנעל,
און שמאַכטעט פֿאַר בענגשאַפֿט און לוסט.

זי האָט נישט קײן פֿרײנד, קײן בעקאַנטע:
דער שפּיגעל נור אײנער אַלײן
דערצײלט איהר אַמאָל אַ געשיכטע,
אַ חלום — בעצױבערנד שײן.

זי זיצט בײ דעם שפּיגעל און חלום׳ט:
זי זיצט פֿול מיט אומעט און שמערץ,
און װאַרט אַלײן אױף עפּעס און װאַרט אַלײן,
און ס׳רײסט זיך אױף שטיקער איהר הערץ.

עס שטאַרבען — דער פֿאַטער, די מוטער,
די טאָכטער דערזעהט ערשט דעם שיין,
און וואַרפֿט זיך אַזוי ווי פֿער'שכיר'ט,
אין שטורמישען לעבען אַריין

זי וואַרפֿט זיך און ווייס ניט קיין אָבהאַלט,
און ווייס ניט קיין רוה און קיין אָרט,
און קאָכענדיג טראָגט זיך איהר לעבען
אַלץ צווישען די גאַס און דעם קאָרט*....

און ס'פֿליהען די יאָהרען און פֿליהען,
און בייזער אַלץ געהט עס צו ענד;
דער קערפּער, דער יונגער, ער וועלקט שוין:
דאָס האַרץ איז צוקריינקט און צובּרענט.

זי האָט איצט פֿיעל פֿריינד און בעקאַנטע,
נור מעהר ניט דעם שפּיגעל אַליין
פֿערטרויט זי איהר טרעהר און איהר עלענד,
איהר פֿאַלשען, איהר בּיליגען חן.

זי זיצט ביי דעם שפּיגעל און יאָמערט;
און פֿול מיט פֿערצווייפֿלונג און שמערץ
דערמאָנט זי איהר פֿינסטערע יוגענד,
און ס'רייסט זיך אויף שטיקער איהר הערץ.

# זעהנזוכט.

עס גייט די מיטען־נאַכט אין ווייסען אַנגעקליידעט
אַריבער פֿעלד און וואַלד, אַריבער באַרג און טהאַל —
אין ווייסען אָנגעקליידט, אויף זיידענע אייזנעשפּרייט,
און גיסט מיט שטילען שיין און טרוימען אָהן א צאהל.
און ס'דוכט זיך אויס אין ליפֿט, עס טראָגט זיך און עס שוועבט
אַ חלום אָהן א סוף, פֿאַנטאַסטיש, בּלוי און מילד,
פֿון טיעפֿען הימעלרוים מיט שטערען דורכגעוועבט

* געריכטהויז.

און בײַ דער װײַסער ערד אין שטראַהלען אײַנגעהילט.
עס שלאָפֿט די גאַנצע װעלט פֿערגאַסען דורך אַרום
אין מילדען, שטילען שײַן, בעצױבערט און ענטציקט;
עס שלאָפֿט די גרױסע שטאָדט, די גאַסען שװײַגען שטום:
עס שלאָפֿט דער מיעדער מענש אין חלים אײַנגעװיגט.

---

איך גײ, און שװײַג, און װײַסען שטראַהלענדיגע,
און ס'לױפֿט פֿון מיר דער שלאָף. און שטאַרק און ברענענד גלוסטה
עס ריהרט זיך אויף אין מיר אַ לאַנג פֿערשטיקטער פֿלאַם,
און בריהט מיר הײס דעם מאַרך און בריהט מיר הײס דעם בלוט.
עס װאַכען אויף אין מיר, פֿערלאַנגען אַלערלײ
פֿון לעבען און פֿון גליק, פֿון ליעבע און פֿון שמערץ,
חלומות פֿון אַמאָל פֿול לײדענשאַפֿט און װעה,
װי פֿלאַמען אויף צוריק אין חורבן פֿון מײַן הערץ.
און ס'שװימט אַרױס פֿאַר מיר, אַזױ װי אײַנגעהילט
אין שטילקײט פֿון דער נאַכט, דורך הימעל־װעה אָהן אַ שיעור,
אַ צערטליכע געשטאַלט, אַ פֿיעל געליעבטעס בילד. —
מײַן װײַטער, װײַטער פֿרײַנד, אָך קום, אָך קום צו מיר!

---

אָך קום, אָך קום צו מיר אין שטילקײט פֿון דער נאַכט,
פֿון דיזער צױבערנאַכט — אָך קום, אָך קום צו מיר!
און זאָל מײַן הערץ פֿאַר דיר דאָ װערען אויפֿגעמאַכט,
איך װעל דערצעהלען דיר מײַן בענגשאַפֿט אָהן אַ שיעור,
װי קאַלט איז אין דער פֿרעמד, װי שלעכט עס איז און שװער:
איך שעם זיך ניט פֿאַר דיר, דו װעסט פֿערשטעהן, איך װײס,
און זאָל זיך גיסען פֿרײ פֿאַר דיר מײַן שטילע טרעהר,
און זאָל צוגעהן מײַן הערץ אין דײַנע אָרעמס הײס!
עס ענטפֿערט קײנער אָב. עס שװײַגט די גאַנצע װעלט
פֿערגליװערט און פֿערשטאַרט אין בלאַסער, טױטער פּראַכט;
אין בלױען נעבעל שװײַגט די לבנה מאַטט, פֿערשטעלט.
עס ענטפֿערט קײנער אָב. עס שװײַגט די שטומע נאַכט!

# „אן עקספלואטאטאר"

א בילד פון ריסיש-אידישען לעבען.

דער קרעמערל זיצט אין זיין קרעמעל —
די הונדערטסטע קרעמעל אין גאס:
ער זיצט און ער ווארט אויף א סוחר,
אין דרייבען איז פינסטער און נאס.

עס ווייזען זיך זעלטען די סוחרים;
ער זיצט און ער שוידערט פאר קעלט,
און גענעצט, און חלומ'ט חלומות,
און טראכט זיך מבוה דער וועלט.

ער טראכט וועגען מלכים און פעלקער
און וויים ביי זיי אלין אויף א האר;
דער קרעטער ער לעזט דעם „הצפירה"
און זעהט די פאליטיקע קלאר.

און פלינק אויף די פליגלען פון רעיון,
און שטאלין און א ביסעלע ביין,
ער טראגט זיך אריבער דעם „תיגר",
דעם ענגער, דעם דייטש און פראנצויז.

ער שוועבט אויף די גייז'אישע לענדער,
און טהיילט ווי אלין צדוה און שלעג,
און ביז באראן הירש'ס ארגענטינען,
דאן שטעלט ער זיך הציג אייגג.

דאן שטעלט ער זיך הציג; עס קלאפט איהם
אין מוח די שארפסטע קריטיק.
ער טראכט זיך: ווען איך באראן הירש בין,
דאן וואלט עס געלונגען אגטיק.

איך וואלט שוין געכאפט דעם אינטערעס,
ווי וואלטען די נעגער געקיים,
און טאקי א'ן אידישע מליכה
געגרינדעט אין איניגע ציים.

א אידישע מלוכה רבותים,
צו קענט איהר דאס גרונטיג פערשטעהן?

דאָס הייסט דאָך אַ מלוכה פֿון גאונים,
אַ מלוכה פֿון מלכים אַליין!

אַ אידישע מלוכה, רבותים!
דער קרעמער שפּרינגט אויף פֿון זיין באַנק
צוהורעט צורייצט און צופלאַקערט
פֿון גרויסען פֿון שטאָלצען געדאַנק.

דאַן פלוצלונג בעוויזט זיך אַ סוחר,
אַזוי ווי אַ'ן אַרבעס די גרויס,
און בעט פֿאַר אַ קאָפּיקע פּוטער,
און שלאָגט איהם פֿון ענין אַרויס.

עס גענעצט און גענעצט דער קרעמער,
און שיידערט נאָך שטאַרקער פֿאַר קעלט.
און אָבהענגטיג בלייבט ער און טרויעריג,
און ס'ווערט איהם פֿער'מיאוס'ט די וועלט.

ער זיצט און ער טראַכט וועגען לעבען,
ווי נאַריש עס געהט אויף דער ערד;
ער טראַכט וועגען הבל הבלים,
ווי אַלץ איז קיין פּרוטה ניט ווערטה.

אַך, אַלץ איז נור וויסטע חלומות,
נור אומעט אומזיסטע און שמערץ!
אַ קרעכץ רייסט אַרויס זיך ביים קרעמער —
אַ טיעפֿער, אַ ביטערער קרעכץ.

געדעכט איז געווען טאַקע שלמה,
פֿון טויזענטער ווייבער דער מאַן;
נור גט'ן די איינציגע ווייבעל
איז ווידער דאָך אויך ניט קיין פּלאַן.

זי שילט די ארורה און שילט אַלץ,
און האַלט מיר דורכאויס אין געשריי —
געדעכט איז געווען טאַקי שלמה
און איך וואָלט געווען אויך אַזוי!

איך וואָלט פֿילאָזאָפֿיש געזעסען,
בהרחבה אויף'ן גאָלדענעם טהראָן,
און וואָלט מיר געשריבען קהלת,
און וואָלט מיר דאָס מייניגע טהאָן.

אַך, וואָלט איך אַ קעניג געווען נור!
דעם קרעמער הויבט ווייעדער פֿון באַנק,
און ס'שטייבעלט איהם ליעבליך און וואַרעם
דער שיינער, דער שטאָלצער געדאַנק.

די בלאַסע, פֿערלאָשענע אויגען,
ווי צינדען מיט פֿלאַמען זיך אָן, —
וואו נעהמט מען רבותים, דעם כוח,
די מעשים, די גרויסע צו טהאָן!

אַך וואָלט איך אַ קעניג געווען נור,
איך וואָלט שוין געוואוסט פֿון אַ טאָלק:
איך וואָלט אָט געמאַכט פֿון די אידלאַך
אַ רעכטע, אַ העלדישע פֿאָלק!

איך וואָלט זיי צוזאַמענגענומען
פֿון אַלערליי עקען דער וועלט,
און וואָלט זיי בעגייסטערט מיט גבורה
און הערליך צום קריעג איינגעשטעלט.

עס שרייט ניט קיין לייב אין זיין צאָרן,
דערשרעקענד די וויסטעניס ווייט;
דאס שאַלט אין דער לופֿטען דער אויפֿרוף
צום לעצטען, צום גרויזאַמען שטרייט.

עס רייסט ניט קיין מעכטיגער שטורעם
געוואַלטיג און פֿירכטערליך ביין;
דאָס לאָזט זיך דער אידישער היל,
דאָס שפּאַנען די העלדען אַרויס.

עס ציהט ניט קיין פֿינסטערער וואָלקען,
פֿערדעקענד דעם שיין פֿון דער ערד:
דאס טראָגט זיך אַ שטויב אַ געדיכטער,
פֿון הונדערטער טויזענדער פֿערד.

עס טראָגט זיך די גרויזאַמע מחנה
אין ראָטעס און פּאָלקען צושטעלט:
עס טראָגט זיך פֿאָראויס ווי אַ'ן אימה,
עס פֿלאַטערט די קריסטליכע וועלט!

דאן פֿלוצלונג בעווייזט זיך אַ בוחר,
אַזוי ווי אַ'ן אַרבעט די גרייס,

אין בעט פֿאר א קאָפּיקע הערינג,
און שלאָגט איהם פֿון יענע אַרוים.

עס זעהען פֿון ווייטען רעם לייזונג
די הונדערטע קרעמער אין גאַס,
און פֿרעסען עס אויף מיט די אויגען —
מיט אויגען פֿון קנאה און האַס.

די קרעמער, ווי זעהען ניט אָבער,
ווי מיעד, ווי פֿער'הלש'ט און שוועך
ער זעצט זיך אַוועק אין אַ ווינקעל,
און שלינגט אַליין אַ טרעהר נאָך אַ טרעהר.

